Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ṿinṭer

Brenner, Yôsēf Ḥayyîm
ברנר, יוסף חיים

Ṿarshe, 1936

ב.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8203

Visual Library

# ב.

מיין טאַטע פלעגט נישט ליב האָבן צו לערנען זיינע תלמידים ביי זיך אינדערהיים און ער פלעגט שטענדיק בעסער דינגען אַ חדר אין דער פרעמד. אונזער וואוינונג איז געווען אַ „הינער שטייג״, זי האט געקאָסט אַ רובל אַ חודש. מיין מאַמע איז געווען אַ פאַריינזאַמטע. אין דער שטוב-פירונג פלעגט זי זיך באַמיען צו באַווייזן דעם טאַטן, אז זי איז נישט ווי אנדערע, וואס ווייסן נאר אויסצובערענגען און מיטפאַרדינען גאָרנישט; זי איז אן אנדער ווייב, זי פארדינט אַ גראָשן, אַ פארדינערן, זי איז גרייט צו טאן אלץ, צו ארבעטן יעדע אַרבעט, וועלכע סזאָל זיך נישט מאַכן. זי פלעגט קריגן פעדערן צו פליקן, קליידלעך צו וואשן, קליינע מיידעלעך אויף לערנען מיט זיי „סידור און תחינות״, און ווינטער-צייט פלעגט זי נאך זיין באַשעפטיקט ביים שעכטן גענז צום פאר־קויפן אדער ביי קצבות, אויף איר שפראַך, ווארום זי פלעגט ליב האָבן צו רופן דידאזיקע ארבעט אירע: דאס קויפן די גענז, שטאָפן זיי און דאס גאנצע עוסקן זיך נאך דער שחיטה— מיטן נאָמען „קצבות״, סהייסט: אַ מענערשע אַרבעט!

אויך היינט נאך האט אין אַ געוויסער מאָס נישט אויפ־געהערט דאס זעלבע באַמיען זיך „צו ווייזן אים״ פון איר זייט און דאס זעלבע „קרימען מיט דער נאָז״ פון זיין זייט,— היינט, ווען זיי לעבן שוין צוזאמען איבער צוואנציק יאָר,

איצט, ווען די לאנגע געוואוינהייט האט שוין אויסגעגלייכט אַסאך אומגלייכהייטן, און באַזונדערס דאַמאָלס...

אַסאך זאכן פון מיין טאטנס אויפפירונג זענען איר דאמאָלס נישט געווען געפעלן, איר דער אויסגעהאָדעוועטער ביי ר׳ ברוכן עליו-השלום, און באַזונדערס זיין „פרייקייט״ און דאס, וואס ער פלעגט רעדן אנדערש ווי ער מיינט. זאל ער טאַקי גערעכט זיין דערמיט, וואס ער זאגט, אז א מענטש דארף יוצא זיין פאר מענטשן מער ווי פארן אויבערשטן, סהייסט, צווישן מענטשן זיין אָפגעהיט און אין שטוב פריי? זאל אזוי זיין געשריבן אין די ספרים? און ר׳ ברוך—פארוואס פלעגט ער אזוינס נישט זאָגן?

נאר, אפילו ווען זי פלעגט וואַגן צייטנווייז אים אויף עפעס צו מאַכן אויפמערקזאַם, פלעגט דידאָזיקע באַמערקונג טראָגן אויף זיך דעם שטעמפל פון אַ צערטלען זיך פון אַ פרוי, וואס ספלעגט אים אריינברענגען אין כעס. ער איז געווען גראָב אין זיינע רייד און אין זיינע באַוועגונגען, ער פלעגט ליב האבן זי צו דערצערנען דערמיט, וואס ער פלעגט לויבן אנדערע פרויען און ער פלעגט הנאה האבן פון איר כעס, און ער פלעגט אויך אזוי איינאָרדנען און דערפירן דערצו, ער זאל נישט זיצן אין שטוב, באזונדערס אין די יום-טוב-טעג.

מענטשן רעדן, ווי באַקאנט, מיט אַ סענטימענטאלע ווייכקייט וועגן זייער פארגאנגענהייט בכלל און בפרט וועגן זייער קינדהייט. די יסורים, וואס זיי האבן דאמאָלס געליטן ווערן פארגעסן דורך דער לאנגער צייט און די אַנגענעמע איינדרוקן, וואס זענען פארבליבן, וואַקסן אויס און ווערן פארשענערט און צעגיסן זיך אין די הערצער ווי זיסע געטראנקען. נישט אזוי איז ביי מיר. דאס אויסזען פון מיין פאַרגאנגענהייט בכלל איז פארשטעלט פאר מיין זכרון און צוגעדעקט מיט אַ גרויסן פארבלאטיקטען באַרג זאמד, וואס הערשט איבער זיי און די איינצלנע פאַקטן, וועלכע האבן

זיך ארויסגעקריגן פונם חורבן און וואָס איך ווייס זיי מער ווי איך געדענק זיי — איז אויסער וואָס זיי וועבן זיך נישט צוזאַמען און קריגן נישט קיין פלייש און בלוט צו ווערן איין קערפּער, זענען זיי נאָך זייער שוואַרצע און שווערע.

די מלאכים פון מיין קינדהייט שוועבן מיר פאַרביי און זייערע אויגן — טריפן גרויסע טריבע טרערן; דער קול פון זייערע פליגלען טראָגט מיט זיך פיינטשאַפט און פאַרלאָזנקייט, דאָס איז אַ קול פון אַ גוססדיק קינד, אַ קול פון אַ קליין הינדעלע, וואָס די מוטער האָט עס פאַרלאָזט גייענדיק זוכן אַ גראָשן-פּרנסה. און דאָס פּנים פון דידאָזיקע מלאכים דריקט אויס טרויער, אומעט, צער — אַ צער אַטיפע וואָס עקבערט דורך ביזן גרונט, אַ צער אַ טעמפּער געמישט מיט בלאָטע, אַ צער אָן אַ סוף און אָן אָן עק, וואָס דויערט אייביק...

מיין מאַמע פלעגט צוליב אירע געשעפטן אַוועקגיין און מיך פלעגט זי איבערלאָזן אונטער דער השגחה פון דער באַלעבאָסטע פון אונזער דירה, און מיינע תּביעות אויף עסן פלעגט זי דערלעדיקן אויף אַזאַ אופן: זי פלעגט נעמען אַביסל צוקער און אַ שטיקל חלה, פלעגט עס צוזאַמענלייגן, צעקייען מיט אירע ציין און זי פלעגט עס אריינטאָן אין אַ ברעג פון אַ דין טיכל, דעם ברעג טיכל פלעגט זי פערבינדן אין אַ קניפּל און מיר עס געבן אין מויל אריין צו נאָגן.

נישט בעסער פון דעמדאָזיקן מאכל איז געווען די בלאָטע, וואָס איך פלעג צוזאַמענגעמען אין מיינע שמוציקע הויפּנס, ווען איך האָב שוין זוכה געווען ארומצוקריכן אויף דער פייכטער ערד.

און מיין געשטאַלט, ווען איך בין אַלט געווען אַ יאָר פיר איז געווען אַזאַ: אַ קינד מיט אַ געשוואָלן פּנים, וואָס האָט אַ אויסזעז פון פאַרמעט. דער שמוציקער און אומגאַטיר-

לעכער גוף איז אָנגעטאַן אין אַ העמד ווי עפּעס אַ לאַנגער און צעריסענער זאַק. די קורצע פיסלעך זענען באָרוועס. אויפן העמד פון אויבן שיינט אַראָפּ אַ טלית־קטן מיט ציצית. אויפן קאָפּ, וועלכער איז צוגעדעקט מיט אַ טיכל (מיטן בלויזן קאָפּ — איז אַ גרויסע עבירה, אָבער אַ היטל — איז פּופּצן קופּערנע קאָפּיקעס !) איז אַ „תּפילין של ראש" געמאַכט פון אַ קאַרטאָפל, מיין טאַטנס קונסט־אַרבעט, און דער זעלבער מין „תּפילין של יד" איז גוט צוגעפּעסטיקט מיט אַ פֿאָדים צו מיין האַנט. און איך שאָקל מיך אָן אָן אויפהער. מיין מויל האַלט אין איין זשומען און מיט מיין האַנט פאַרדעק איך די אויגן, ווי אַ גרויסער, ווען ער שרייט: „אח—אָ—אָ—ד", און בעת מעשה קוק איך נאָך, וואָס פאַר אַ רושם איך מאַך אויף די אַרומיקע.

אַ יום־טוב אינדערפרי. סאיז ליכטיק. אַ האַרבסטיקע זון רייסט זיך אַריין אין די שויבן פונם איינציקן פענצטער, וואָס געפינט זיך אין מיינע עלטערנס קליינעם צימער. די פּאָדלאָגע איז אויסגעשמירט מיט אַ געלער פאַרב; אויך דער אויוון איז פונדאַסניי געקאַלכט פונקען פון מנוחת שוועבן אַרום אין דער לופטן. יום־טוב... דער טיש איז צוגעדעקט מיט אַ ווייס טישטוך. אויפן פענצטער הענגט אַ ווייסער פאָרהאַנג. דער טאַטע איז אין שול, און די מאַמע מיינע, אָנגעטאָן אין אַ ליינען־קליידל, זיצט בײַם טיש און לייענט מיט הארץ דעם ספר „שמחת הנפש". איר טרויער און האַרצווייטיק וואָס זי איז נישט געגאַנגען אין בית־מדרש פאַרשווינדן ביסלעכווייז, און עס נעמט אויפשטראַלן אינעווייניק אַ פרייד צוליבן רעיון, וואָס געפינט זיך אין הייליקן ספר, אַז סאיז אַ גרויסע מצוה צו זיצן אינדערהיים און אַכטונג צו געבן אויף די קינדער. דער רבונו־של־עולם געפינט זיך אומעטום, וואו מע פאַרלאַנגט אים. אַסאַך אַגרעסערע עבירה איז, אַז די ווייבער קומען זיך צונויף אין גאָטס הויז און זיי פאַרברענגען די צייט מיט לשון־הרע און מיט קנאה... אָט למשל, ווי מרים די באַלע־

נאָסטע פון דער דירה, וואס איז מיטגעגאנגען מיט איר מאַן מענדל אין שול אריין, און געלערנט צו קענען דאווענען אין סידור איז זי דאך נישט... וואסזשע דען איז דער צוועק פון איר גיין ? —

איר אויפגערודערט געמיט ענדערט ביסלעכווייז איר שטימע, וועלכע ווערט טרויעריקער און הארציקער, ווייגעני־דיקער און קלאָגנדיקער. זי טראכט ווייטער אריין וועגן דער שלעכטקייט פון מרים׳ן און וועגן דער גוטקייט פון די פיש, וואס זי האט געקויפט ערב יום־טוב, און זי לייענט די מעשה מיט דער מוטער פונם הייליקן תנא, זיין זכות זאל אונז ביי־שטיין, וועלכע האט געוואָלט אָפּוואשן די פיס פון איר זון דעם תנא און אויסטרונקען דאס וואסער...

פון אָנהויב זיץ איך אין אַ ווינקל און מיין קליינע גאל ווערט צעפלאצט : אלע מיינע בקשות, וואס איך האב געבעטן דעם טאטן מיך מיטצונעמען אין בית־מדרש אריין, זענען גע־וועזן אומזיסט. און איך קען דאך שוין קדושה און ברכות. און וואס איז, אז איך בין באָרוועס ? איך האב, אמת, געפרובט אויסדריקן מיין פּראָטעסט דורכדעם, וואס איך האב מיך ארויסגעגנבעט פון שטוב און בין נאָכגעלאָפן מיט א געשריי נאך מיין אוועקגייענדיקן טאטן—און איך האב מיך נישט אומ־געקערט מיט גאָרנישט : איך האב געשפירט אויף מיר זיין האנט.

צים סוף ענדערט זיך מיין שטימונג. איך שטיי גיך אויף, רירעוודיק און זייער־זייער ערנסט גיב איך אַ כאפ דעם שטול, וואס אָן אַ ווענטל און שטעל אים אוועק אינמיטן צימער — אָט איז אַ „בימה״ ; מיט מיין מאמעס רויט טיכל וויקל איך מיך ארום איינגאנצן — אט איז אַ טלית. און מיין טאטנס לאנג און שמאָל האלזטיכל וויקל איך צונויף ווי אַ ספר־תורה, נעם עס ארים, קוש עס, דריי זיך ארום דערמיט ארום דעם שטיל מאכנדיק פסדר מיטן מויל „ניום־ניום־ניום״

און גיי מיר ארויס א מצוה-טענצל. איך האב מיר הנאה פון מיין וועלט!

די זון שיינט און צעשפּרייט אירע שטראַלן אויף אַלץ. דער אביסל קאַליעדיקער וואנט-זייגער קלאפּט מיט אַ גיכ-קייט, וואס מאכט לאַכנדיק. סאיז עלף אזייגער, די שעה ווען יידן גייען ארויס פון שול. מיין מאמע רייסט איבער דאס לייענען און שטייט אויף פון איר אָרט ברומענדיק „שלום געצל". זי גיט אטראכט וועגן אים און זי דערמאָנט זיך, אז ער האט זיך שטארק געעסקט מיט זיין באָרד איידער ער איז געגאנגען דאווענען. ארום א האלבע שעה איז ער געשטאנען פארן שטיקל-שפּיגעלע, וואס איז צוגעקלעפּט מיט ליים צו דער וואנט. נישט ווילנדוק גייט זי אויך צו צום ארט, וואו סאיז דאָס אָפּגעריבן גלאָז און זי פארריכט אירע האָר אונטערן שייטל. פלוצלינג דערשפּירט זי מיך. אים מיט צערטלעכקייט צעגיסט זיך איבער אלע אירע אויסגעמאטערטע געזיכט-שטריכן:

— אוי, מיין טייערער חכם! אוי, מיין קלוגער בכור! אזא חכם איז דאָך אויף דער גאנצער וועלט נישטאָ.. דאס קינד וועט זיין א גרויסער תנא... אזוי נאָכצומאכן... אָרעמינ-קער... אין שול אריין האט ער געוואָלט... מיין טייערער... גוטער מזל מיינער... וויין נישט, קינד מיינס... דער טאטע האט דאך דיך געשלאָגן... דיין טאטע, נישט קיין אנדערער... באָרוועסער, אָרימינקער... איצטער וועט דער טאטע קומען און וועט זיך דאן שפּילן זיך... שפּיל זיך מיין זון, שפּיל זיך... מיר וועלן באלד עסן מיטאָג...

איך צעשפּיל מיך נאך מער. און די מאמע, רעדנדיק צו זיך וועגן דעם, אז מדארף שוין זייער נויטיק קויפן שיכלעך פאר איר חכם, לייגט אויס די לעפל אויפן טיש, גרייט אלץ צו, קוקט זיך נאָכאמאָל איין אין שפּיגל און זעצט זיך אוועק אויף איר אָרט.

פון ראָג געסל הויבט זיך אָן באווייזן א גרופּע מענטשן.

דאס גייט מען צוריק פון שול; יידן איינגעבויגענע און אנ-געזאָטיקטע מיט תענוג פונם חזנס זינגען, פון די מחלוקתן אין קלויז, פונם יום-טובדיקן העמד און פון דער פאָרשטייענדיקער סעודה, גייען און כאפן אזוי-זיך אַ שמועס; יונגעלייט-בעקלעך טראָגן זייערע אויסגעהאפטענע טלית-זעק אונטער די אָרעמס און שלעפן זיך נאָך נאך זייערע יונגע ווייבלעך, וועלכע זענען אויסגעפוצט מיט כלערליי צירונגען; פלוידערנדיקע ווייבער פארענדיקן זייערע געשפרעכן און צעזעגענען זיך, נאר תיכף קומען זיי זיך ווידער צונויף און פלאפלען ווייטער צוזאמען ווי פריער, — סאיז זיי שווער זיך פאנאנדערצעשיידן און איינשטילן די צונג; דאַרע און קרענקלעכע קינדער טראָגן גראָבע סידורים אין די הענט. אַ הערלעכע מאני-פעסטאציע!

ביי אונז אין שטוב איז אַ ווארטנדיקע שטילקייט. מיין מאמעס אויגן זענען ארייגעטאן אין די פענצטער-שויבן, זיי בלאָנדזשען און זוכן. איר פנים דריקט אויס באאומרואיקונג און א מין האָפנונג, וועלכע הויבט זיך אן צו אנטוישן. סאיז איר שווער שלום-צו-מאכן מיטן געדאנק... זי האט זיך דאך אזוי פיל געמיט פון זיינעטוועגן, און אלץ איז איר, ברוך השם, געלונגען, אלץ איז אָפגעבאקט און אָפגעקאָכט נישט ערגער ווי ביי אלע יידן.

אבער ער ווייזט זיך נישט!

אט האט זיך מרים'ס שטימע, ווי זי שמועסט מיט איר פריינדן. דער שמועס פליסט ווי א טייך. דער „צימעס", די גבירטע... ראָטאָנדע... סוף כל-סוף גייט די פריינדן אוועק באַ-גלייט מיט אַ שטארקן אָנזאג, זי זאל נישט פארגעסן צו קומען נאכמיטאג „מאכן א ברכה"... זי וועט וואַרטן!

און מיין טאטע איז נישטאָ.

אָט איז ר' שמעון שרייער, דער וואָס פארשפעטיקט תמיד ארויסצוגיין פון שול, אויך ער גייט שוין דורך. די

גאס ווערט לײדיק. נאָך אַ מענטש, וואָס האָט פּערספּעקטיוו, אָבער ס׳איז אויך נישט ער. מײַן מאַמע נעמט נישט אַראָפּ איר בליק פֿון פֿענצטער, זי איז פֿאַרגליווערט. איך גײ צו צו איר, מײַן באַק רירט אָן איר מאָגערע באַק. אַ טרער טראָפּן פֿאַלט פֿון אירע אויגן אויף מײַנע ליפּן און רינט אַראָפּ...

מײַן טאַטע איז נישטאָ!

די טיר גיט אַ סקריפּע. מרים, באַלאָדן מיט איר נײַ קלייד, און מענדל, אויסגעפּוצט אין הויכן צילינדער, קומען אַרײַן מיט אַ גרויסן טומל. מײַן מאַמע אײַלט אַרײַן אין זייער צימער. איך נאָך איר.

— גוט יום-טוב אײַך, מרים! גוט יום-טוב, ר׳ מענדל! מרים, איר ווייסט, איך האָב דאָך נאָך נישט געזען אײַער נײַ קלייד. אינדערפֿרי בין איך געווען פֿאַרנומען און אין בית-מדרש אַרײַן גײ איך דאָך ניש, ברוך השם; כ׳האָב נישט קיין שטאָט וואו צו שטײן דאָרטן... כמײַן: איך האָב נישט אויף וועמען איבערצולאָזן מײַן ירמיה... הם... טײַערער שטאָף... טראָגט געזונטערהייט, מרים! מײַן שלום-געצעלטן האָט איר נישט געזען?

— אהא, חכמה, פֿאַר שלום-געצעלטן ביסטו אומרואיק! — הייבט אָן די פֿרײַנדן מיט אַ שטימע פֿון אַ לוסטיקער חכמתטע.

— זאָרג נישט, יהודית! — זעצט מענדל פֿאָר זײַן ווײַבס חכמה — ער וועט נישט זײַן הונגעריק, חלילה... ער איז געגאַנגען צו קאָצינען מיט נאָך אַ סך געסט...

— ר׳איז אַוועקגעגאַנגען?! — רעגט זיך מײַן מאַמע אויף און איר שטימע ציטערט.

— טאָ וואָס איז?! — טרייסט זי מרים — מיך וואָלט גאָרנישט געאַרט, ווען מײַן מענדל גייט פֿון מיר אַוועק און שלעפּט זיך אַרום אין פֿרעמדע הײַזער זוכן כבוד! זאָל איך אַזוי לעבן, ווי איך וואָלט גאָרנישט געזאָרגט... זאָל ער זיך גײן... און דו, גײ עסן מיטאָג.

— וואס הייסט! אן אים! וואס איז, איך בין עפּעס א גויע, כ'זאָל מיך אוועקזעצן עסן יום-טוב אָן אים?.. אַ, די פיש וועלן פארפרוירן ווערן, זיי וועלן קאַליע ווערן...

— זאָל ער וויסן! — טענהט ווייטער מרים...

און מיין מאמע קערט זיך אום און זעצט זיך אוועק אויפן פריערדיקן ארט. דעם „שמחת הנפש" לייענט זי שוין נישט. קיין ווארט לאָזט זי שוין נישט ארויס פון מויל. פון צווייטן צימער הערט זיך דאס קלינגען פון טעלער-לעפל און מרים'ס שטימע, ווי זי שמועסט מיט איר מאן. איך, ציטערנ-דיק זיך א ריר צו טאן און א הויך ארויסצולאזן, הויב אויף די אויגן א מינוט צום פענצטער, א מינוט צו דער מאמען. איך בין באליידיקט פון דער עוולה, וואס מיין טאטע האט אָפּגעטאָן. מיין תּורהלע איז א פארלאזענע. סנעמט מיך שוין נישט קיין שום זאך צום שפּילן. אונזער שכנטעס מיידעלע ברענגט מיר אריין איר פּופּע, כ'זאָל זי אויסלערנען „המוציא-מאכן", שטופּ איך זי אָפּ מיט פיינטשאפט.

— גיי צו דיין מאמען!..

די שטילקייט הילט זיך איין אין דערשלאגנקייט, אין טרויער... — — — און א ביטערער שלאָף באפאלט מיך...

און פלוצים טרינק איך זיך אין א ים פון קושן:

— ירמיהלע, זון מיינער, תּנא מיינער, חכם מיינער... דו וועסט מיר מיינע אויגן פארלויכטן... מיט דיר דארף אין קיין זאך נישט... קינד מיינס — — —